ב"ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת במדבר / גליון ל'

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# יבואו טהורים ויעסקו בטהורים

**און כתה א׳ הערשט און די יעצטיגע טעג א מורא׳דיגע שמחה זיך גרייטענדיג צום געהויבענעם טאג ווען מען וועט בעזר השם ״אנפאנגען לערנען די הייליגע חומש״ און א מזל׳דיגע שעה און מען וועט בעזר השם יתברך פייערן ברוב פאר והדר**

## ״געהויבענע מעמד חומש סעודה״

### יעלה נא על ראש שמחתינו

בעזר השם יתברך וועט מען דאס יאר האבן נאכאמאל די זכי׳ אז אבינו רועינו הוד כ״ק מרן רבינו שליט״א נשיא המוסדות וועט קומען באשיינען דעם היסטארישן מעמד נאכדעם וואס רבינו שליט״א האט אויסגעדריקט רצון קדשו צו קומען זיך משתתף זיין ביים היסטארישן און הייליג׳ן מסיבה.

די חשובע מלמד הרב חיים ראטטענשטיין שליט״א מיט זיין יארן לאנגע ערפארונג לייגט אריין און די יעצטיגע טעג גרויסע כוחות און שוויצט נישט קיין צייט און לערנט אויס פאר די קינדערלעך די הערליכע ניגונים און פראבירט צו זיכער מאכן אז זיי זאלן עס גוט קענען און זיין פולקאם גרייט צום גרויסן מסיבת חומש סעודה

### מודעה מטעם הנהלת המוסדות

מיר ארבעטן יעצט אויס די פונקטליכע דעטאלען פונעם מעמד ווען און וואו די מעמד זאל פארקומען לויט ווי עס קוקט יעצט אויס גרייטן מיר צו אפרעכטן די געהויבענע מעמד סוף חודש סיון ע״כ ווילן מיר בעטן אויב עס איז דא א טאג וואס מצד די חשובע עלטערן איז נישט שייך צו פראווענען די מעמד ביטע שיקט א צעטיל מיט אייער זוהן און חדר כדי צו פארשפארן עגמת נפש.

בעז״ה ווי נאר מיר וועלן וויסן מער דעטאלן פונעם מעמד וועט מען עס מעלדן פאר די חשובע עלטערן.

**גדול יהיה כבוד המעמד הזה**

צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות
אויף טעלעפאון נומבער (845) 662 8093

# מלך ביפיו תחזינה עינינו

## מיט פרייד האבן די לעכטיגע קינדערלעך פון מוסדותינו הקדושים מקבל געווען פני הקודש פון אבינו רועינו הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא המוסדות וואס איז געקומען אויף א באזוך בין כותלי מוסדותינו הקדושים דעם מאנטאג העעל"ט.

בעת די באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א בקרב מוסדותינו הקדושים איז פארגעקומען אן אסיפה אינאיינעם מיט די חשובע הנהלה רוחניות ווי די רבי האט צום ערשט שטארק משבח געווען זייער ארבעט און דערציילט אביסל איבער די גיטע גריסן וואס ער האלט אינאייך צודיק הערן פון די הייליגע מוסדות.

און דערנאך איז מען איבער געגאנגען אפאר ענינים איבער די ווייטערדיגע עתיד פון מוסדותינו הקדושים ווי די רבי האט אויף אלעס געגעבן הדרכות קדשו וויאזוי זיך צופירן אויפן הייליג'ן דרך המסורה.

### ברוכים הבאים:

און די פריע נאכמיטאג שעות איז רבינו שליט"א אנגעקומען בין כותלי מוסדותינו הקדושים ווי די רבי שליט"א איז געווארן אפגעווארט דורך די געטרייע הנהלת המוסדות וואס האבן מקבל פנים געווען דעם רבי'ן שליט"א אינדרויסן פונעם בנין המוסדות.

ווען די רבי איז ערשינען אונעם בנין איז ער צום ערשט צו געגאנגען צום חדר האוכל ווי עס איז געווען פארזאמעלט די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן בראשות המלמד הרב שמואל פישער שליט"א וואס האבן געהאלטן פארן בענטשן די רבי האט מיט געהאלטן וויאזוי די לעכטיגע קינדערלעך בענטשן בקול רם ווי עס פאסט פאר א בן מלך, פארן בענטשן האט מען מזכיר געווען די נדבן פונעם טאג ווי עס איז איינגעפידט בין כותלי מוסדותינו הקדושים.

דערנאך איז די רבי ארום געגאנגען צווישן די אנדערע כתות אונעם תלמוד תורה און מיט געהאלטן ווי די לעכטיגע קינדערלעך לערנען פלייסיג די הייליגע תורה בהתמדה רבה, עס איז קענטיג געווען די קורת רוח וואס רבינו שליט"א האט געהאט פון צו זעהן פון דערנאנט די הייליגע תורה אימפעריע וואס בליעט און וואקסט דא און שטאט אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה.

דערנאך האט זיך די רבי געשטעלט דאווענען מנחה אינאיינעם מיט די הנהלה און די חשובע מרביצי תורה.

די באזוך פונעם רבי'ן האט איבערגעלאזט שטארקע חיזוק פאר די לעכטיגע תינוקות של בית רבן צו קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש און שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויר"ש ומדות טובות.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה והוא הדרה**

# בשורה טובה

מיט פרייד טוען מיר מעלדן פאר אלע חשובע עלטערן שיחיו אז מיט גרויס סייעתא דשמאי׳ אויפן פארלאנג פון די חשובע עלטערן איז געלונגען צו קענען עפענען דעם בית חינוך לבות "בנות חוה ד׳טאהש" שוין אויפ׳ן קומענדיג׳ן זוממער הבעל"ט ווי די לעכטיגע תלמידות וועלן שוין קענען נהנה זיין פון די דעי קעמפ אינטער די אויפזיכט פון די געטרייע און איבערגעגעבענע לערערינ׳ס וואס וועלן אנפירן דעם דעי קעמפ מיט א געשמאק.

ע"כ אויב ווילט איר אז אייער טאכטער זאל אויך זיין פון די גליקליכע וואס וועלן נהנה זיין פונעם דעי קעמפ דאן רופט אריין און די מוסדות אפיס אויף טעלעפאון נאמבער.

(845) 369 8674

און דריקט נומ׳ 2

פאר אן איפליקעישאן

כל הקודם זכה

## וחפץ השם בידינו יצליח

## נייעס און בשורות

פון

בית חינוך לבנות

## בנות חוה

## ד׳טאהש





# א בילד רעדט
# מער ווי טויזענט
# ווערטער





מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

# עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

## הרתודה והברכה

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

ידידינו היקר

### הרב ברוך חיים כ"ץ שליט"א

לזכות בנו הילד אליעזר זאב נ"י ואחיו הילד ישעי' מתתי' נ"י
ולע"נ מופת הדור הרה"ק ר' ישעי' בן ר' משה זצ"ל מ'קערעסטיר
ולע"נ הרה"ק ר' הילל בן ליבא זצ"ל מ'קאלאמייא
ולע"נ ר' אליעזר זאב בן ר' אברהם צבי ע"ה

וכזכות הכל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה